# וואָס ער האָט געזעהן אין אידישען טהעאַטער

שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. ביילע ליעגט אין בעט און קען ניט איינ־שלאָפען. שוין נאָך איינס און איהר מאַן אברהם׳יל איז נאָך ניטאָ. וואו קען ער זיין? אוועק נאָך וועטשערע צו א לאַנדסמאַן, האָט געזאָגט, ער קומט באַלד, און איז נאָך ניטאָ. אפשר האָט ער פערבלאָנדזשעט: א גרינער, פינף וואָכען אין לאַנד, א קונץ עפּעס צו פערבלאָנדזשען אין אַזאַ כרך ווי נעוויאָרק? זי, אז זי דאַרף געהן אויף דער צווייטער גאַס צו חיה־באַשען, מוז זי זיך אויך מאַכען סמנים אויפ׳ן וועג, אז ניט וואָלט זי קיינמאָל ניט געטראָפען אהיים... עפּעס א קאַטאָוועס — אַמעריקאַ? די גאַסען האָבען דאָ אַלע איין פּנים: קרומע, פערדרעהטע, אַהער און אַהין; די הייזער אַלע גלייכע, הויכע שיבילניצעס... ביינאַכט איז אודאי שווער צו טרעפען, וואו צו פערדרעהען זיך... און אפשר האָט ער ניט פערבלאָנדזשעט, נור זיצט זיך גלאַט אזוי ביי זיין לאַנדסמאַן משה׳ן און דערצעהלען זיך איינער דעם אַנדערען מעשיות?

אוי, אויב ער האָט ניט פערבלאָנדזשעט, זאָל דאָס עשיו׳ן אָנקומען, וואָס ער וועט פון איהר קריגען!... ער וועט זיך שוין פערזאָגען א צעהנטען!...

ער קומט אריין — א איד פון מיטעלען וואוקס, מיט א געלער, קאָלטענע־װאַטער בערדיל, מיט רויטע אויגען אונטער געלע ברעמען — קומט אריין א פרעהליכער און דער גאַנצער פּנים זיינער שיינט און לייכט.

— דו ביזט דאָ, שלימזל מיינער? — מאַכט זי מיט ביטערניש אין קול.

— דאָ, דאָ! — ענטפערט ער זעהר גוט אויפגעלעגט, צולאַכט זיך פון עפּעס, געהט צו צו איהר און וויל זי א גלעט טהון...

זי רוקט זיך אָב פון איהם. קוקט איהם אָן מיט גרויסע אויגען, זעהט זיין פרעהליכען פּנים און טראַכט: וואָס איז עם? ער איז שכור?

— וואָס פאַר א כוואַראָבע איז היינט אויף דיין קאָפּ, וואָס דו האָסט זיך אָנגע׳שכור׳ט? וואָס פאַר א יום־טוב איז היינט?

— איך בין שכור? זאָל איך שטאַרבען! — מאַכט ער גוטמוטהיג,

זעצט זיך אויף אַ שטול און טהוט אויס די שיך — נאַרוניו, וואָס דאַרפסטו זיין אין כעס. נו, ביילקעלע, זיי־זשע ניט קיין דבר אחר און מאַך ניט די אַלטע היימישע שטוקעס ; מיר זיינען אין אַמעריקא, נאַרוניו...

און געזאָגט עס לעגט ער זיך אַוועק אין בעט.

— וואו ביזטו געוועזן — פרעגט זי שוין עטוואָס ווייכער.

—ביי דער גרינער בלומען. משה האָט מיך אַהין פערשלעפּט, כע, כע, כע !

— צולאַכט ער זיך אויפ׳ן קול און קראַצט זיך דעם געלען קאָפּ מיט התפעלות :

— מאַמעלעך, וואָס מען זעהט זיך דאָ אָנעט, וואָס מען זעהט זיך דאָ אָנעט, אַ גרויל, אַ געוואַלד !...

— געקומען אַ גרינע ? — פרעגט זי שוין ניט נייגיעריגקייט.

— וואָס׳ער גרינע ? רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער, און טאַנצט, אַז פער־שמאַליעט זאָל זי ווערען ! אוי, אוי, אַ טאַנצען וואָלסטו זעהן אַן אַרבייטען מיט די פיס, אַ שפּרינגען, אַ דרעהען זיך... אוי, אוי, אַ שד, אַ רוח אַ... אַ... כ׳וויים ?...

— וועגען וועמען רעדסטו ? — פרעגט זי פערוואונדערט.

— איך בין דאָך געוועזן אין טרייאַטער ! — שרייט ער אויס מיט התפעלות — דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען !... אוי, ביילקע, וואָס מען זעהט זיך דאָרט אָנעט !... דו מוזט אַמאָל אויך געהן אַהינצוצו !..

— אַזוי ? ביזט גאָר אין טרייאַטער געוועזן ? נו, וואָס זעהט מען דאָרטען ? — פרעגט זי, שוין אין גאַנצען פערגעסען אויף דעם פריהערדיגען כעס, און רוקט זיך צו צו איהם נעהנטער — וואָס האָסטו דאָרט געזעהען ? עס איז עפּעס ווערטה צו געהן אַהינצוצו ? די שכנות זאָגען, אַז דאָרט איז פּשוט אַ פערגניגען צו קוקען ! דערצעהל טאַקי, וואָס האָסטו דאָרט געזעהן ?

— איך קום צו משה׳ן, זאָגט ער מיר : אברהמ׳ל, ביזט עפּעס אַ בעלן אויף אַ גרינער בלומען ? קוק איך דאָך איהם אָן מסתמא, ווי אַ משוגענעם, און בטל אויס צו זיין קאָפּ און צו זיין לייב און לעבען. גיט ער מיר צו פער־שטעהען, אַז ער מיינט ניט חס ושלום גלאַט אַ גרינע בלומען, נור די מיינט ער, וואָס שפּיעלט אין טרייאַטער... האַ, אויב אַזוי, זיינען גאָר אַנדערע דיבורים ! פאַרוואָס ניט, אויב ער וועט נור בעצאָהלען פאַר מיר ? ביי אונז אין שטעדטעל האָב איך קיין טרייאַטער קיינמאָל ניט געזעהען און דאָ קאָן איך יאָ זעהען, היינט פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט געהן ? אַ מענש, כל זמן

ער לעבט, דאַרף אַלעס זעהן... מילא געה איך מיט אונזער משה'ן אין טרייאַטער... און דעם אמת זאָגענדיג, ביילקע, געה איך ניט, נור איך לויף מיט איהם אָהן אָן אָטהעם אַהינצוצו, ווייל ער זאָגט, אויב מיר וועלען פריהער קומען, וועלען מיר קענען פערכאַפּען בעסערע פּלעצער, און וועלכער איד וויל עס ניט פערכאַפּען קיין בעסערען פּלאַץ?

הקיצור, לויפען מיר צום טרייאַטער, און דאָרט שטעהט אַ גרויסער עולם אידען מיט אידענעס, מיט מיידלעך, מיט בחורים, אויסגעפּוצט ווי צו אַ חתונה, און מען רוקט זיך, און מען שטופּט זיך, און מען שרייט אויף אידיש און אויף ענגליש — אַ לעבעדיגע וועלט!

הייסט מיר אונזער משה שטעהן און ער אַליין רוקט זיך אַריין צווישען עולם, און באַלד קומט ער אַרויס מיט צוויי בילעטען און הייסט מיר לויפען נאָך איהם. הויבען מיר אָן צו לויפען אויף טרעפּ, לויפען מיר און לויפען און פאַר אונז לויפען אַנדערע און הינטער אונז ווידער אַנדערע... לויף איך אַרויף אויף אימיצענס אַ פוס, כאַפּ איך אַ פּאַטש איבער'ן קאַפּעלוש, אַז ער האָט גענומען ביי מיר טרעשצען... הויב איך אָן צו לויפען שנעלער, לויף איך נאָך משה'ן אַלץ העכער און העכער און האָב אַלץ מורא טאָמער פערליער איך איהם און דעמאָלט געה זיי אַליין אין טרייאַטער... מען קען נאָך מיר חס ושלום ניט דעם קאַפּעלוש אַליין צופּאַטשען!...

הקיצור, קוים מיט צרות זיינען מיר אַרויפגעקראָכען אויף דעם סאַמע שפּיץ פון טרייאַטער, אונטער'ן סאַמע דאַך, און דאָרט זיינען שוין געווען אַ סך מענשען. זאָגט מיר משה, אַז די בעסטע פּלעצער זיינען שוין פערנומען, נור ער קען דאָ דעם הויפּט־מאַכער, וועט ער מיט עטליכע צענט שוין מאַכען אַז עס וועט זיין פיינעלדיג און קיילעכדיג... געהט ער צו צו אַ מאַן, וואָס קוקט אויס ווי אַ נאַטשאַלניק, מיט מעסענע קנעפּלעך, און וואָס האַלט אַ קאַטשעלקע אין האַנד, און רוקט איהם אַריין אַ מטבעה. רופט אונז דער נאַטשאַלניק מיט דער קאַטשאַלקע נאָך זיך, געהט צו מיט אונז צו אַ צוויי בחורים, וואָס שטעהען אויבענאָן אין מזרח און הייסט זיי אונז אבגעבען זייערע ערטער. מסתמא ווילען זיי ניט און הייבען אָן מיט איהם צו טענה'ן אויף ענגליש, אַז ער לאָזט זיי ניט אַראָב אַ פּאָאר פּעטש, אָט טאַקע ווי אָן אמתער רוסישער נאַטשאַלניק, אַז דאָס האַרץ איז ביי מיר איינגעפאַלען פון שרעק. און, פערשטעהט זיך, אַז סוף כל סוף האָט דער נאַטשאַלניק מיט דער קאַטשעלקע אויסגעפיהרט:

די בחורים האָבען זיך געשטעלט אַהינטער און מיר האָבען זיך געשטעלט אויף זייערע ערטער אויבענאָן...

הקיצור, ביילקע, וואָס זאָל איך דיר זאָגען? אַ וועלט איז ניט משוגע. אַז זי געהט אין טרייאַטער, מסתמא איז דאָרט דאָ וואָס צו זעהען און צו הערען.

אין דעם גאַנצען טרייאַטער איז ליכטיג, ווי אין מיטען טאָג, אין אַלע ווינקעלעך ברענען אַזוינע לאָמפּען, ווי מיר האָבען דאָ געזעהען אין די גרויסע קראָמען, מיט ווייסע, ליכטיגע פייערלעך, ווי לבנות... און אונטער, גאַנץ אונטען, ווי אין אַ טיעפען טהאָל, זיצען אויף מענשען און ווייבער, אַ גאַנצע שול... און דאָרט איז דאָ אַ גרויסע וואַנד מיט שעהנע קאַרטינעס... זיצען לעבען דער וואַנד כלי־זמר און מען שפּיעלט אַ פרעהליכס, אַז די פּיס הייבען זיך אַליין צום טאַנצען... און די בחורים אַרום אונז העלפען אונטער די כלי־זמר מיט פייפען און מיט צוקלאַפּען מיט די פּיס... מיט איין וואָרט, ביילקע, עס איז ליהודים'דיג אין טרייאַטער — און אָן עק!

אין מיטען־דערינען געהען אויס אַלע לאָמפּען אין טרייאַטער, עס ווערט פינסטער. דער עולם הייבט אָן צו קלאַפּען און געוואַלדעווען... איך ווער מטושטש: צי האָט, חס־ושלום, אן אונגליק ניט געטראָפען? וויל שוין נעהמען שטעלען פיס פון טרייאַטער... ערשט עס דערהערט זיך אַ געזאַנג, און די וואַנד מיט די קאַרטינעס הייבט זיך אויף פון דר'ערד און פליהט אַוועק העט־הויך אין דער לופטען... און דאָרט, מאַמעלעך טהייערינקע!! איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויגען!... מוידען, אָבער וואָלסטו זעהן, ביילקע, וואָס'רא מוידען! אין בגדי מלכות, מיט רויטע זאָקען, מיט רויטע שיך, מיט זילבערנע פלאַטיעס, מיט... מיט.. מיט וואָס ניט? אָט ריכטיגע פּאַניענ־קעס ממש!... און זיי דרעהען זיך, און זיי שפּרינגען, ווי די רוחות, און זיי אַרבייטען מיט די פיס מעשים, ממש אַ גרויל! טהוען אַ וואָרף אַ פוס ביז דער נאָז און אָט פון דער נאָז צוריק ביז דער פּאַטילניצע... און בעת מעשה זינגען זיי. וואָס, ווען, ווייס איך ניט, נור מסתמא ניט קיין זמירות!...

און נאָכדעם קומט צולויפען אַ אידעל, אַ פשוט'ער אידעל, מיט אַן אַלטען קאַפּעלוש, הפּנים אַ גרויסער אָרעמאַן, שפּרינגט אַריין צווישען די מוידען און הייבט אָן צו טאַנצען און צו שפּרינגען, קוליעט זיך איבער און

טאַנצט ווייטער... וואָלסטו זעהן, ביילקע, וואָס פאַר א געוואַלדיגע גבורה עס שטעקט ביי יענעם אידעל אין די פיס!...

נאָכדעם קומט צו לויפען אַן אָרעמע מיידעל מיט א סך קלומיקעס אויפ'ן פלייצע, קענטיג אַגרינע, נור וואָס פון שיף... אמיידעל, אבער א בראַנד, א שטיק משוגעת, פערשמאַליעט זאָל זי ווערען!... זי שעהמט זיך ניט, וואָס דאָרט שטעהען אַזוינע פּאַניענקעס, הייבט אָן צו זינגען און צו טאַנצען. פרעג איך אונזער משה'ן: וואָס טאַנצט זיך איהר, דער אָרעמער גרינער מיידעל? וואָס זינגט זיך איהר? ענטפערט מיר משה, אז די גרינע מיידעל איז בלומע אליין, די גאַנצע מאַכערקע, און דער אידעל מיט'ן אַלטען קאַפּעלוש איז איהר טאַטע... איז שוין ביי מיר די קשיא פערענטפערט: וואָס פאַר א טאַטע אַזאַ טאָכטער — טראַכט איך מיר. און טאַקע, אז ביי דער גרינער האָט אָנגעהויבען די פיס וועה צו טהון פון טאַנצען, האָט זי גענומען רעדען מיט דעם אידען מיט'ן אַלטען קאַפּעלוש, רופט איהם „טאַטוניו" און ער איז עפּעס א מטורף: רעדט אַזוינע נאַרישקייטען, מאַכט אַזוינע ווילדע תנועות, פייפט אין פויסט, כראַפּעט מיט דער נאָז, אז דער עולם ווערט קראַנק לאַכענדיג פון זיינע משוגענע „שנוטעס"... נאָכדעם קומט צו געהן א יונגער מאַן און הייבט אָן צו רעדען מיט דער גרינער. זיין שפּראַך פערשטעה איך ניט, ווייל ער איז געווען — האָט מיר משה געזאָגט — א גראַף און האָט מסתמא גערעדט אויף הויך דייטש און אפשר אויף אַנאַנדערש פּראַך, וואָס איך קען ניט... וואָס מיך האָט גע'חידוש'ט איז אָבער, וואָס די גרינע האָט איהם פערשטאַנען און ער איהר, כאָטש זי האָט גערעדט דוקא פשוט'ען מאַמע־לשון...

רעדט זיך אָב דער גראַף א ווײלע מיט דער גרינער. נאָכדעם זאָגט ער איהר א „גוטען" און געהט זיך אַוועק.

ער איז אַוועק, קומט אַנאַנדער יונגער מאַן, דוקא א איד —זאָגט משה— ניט קיין גראַף, אבער א סך א וואַזשנערער מאַן ווי דער גראַף. ער הייבט אָן צו זינגען און צו מאַכען מיט די הענד, און די מוידען העלפען איהם אונטער, און די גרינע מיט איהר טאַטע אויך, און די כלי־זמר שפּיעלען אויך צו, אפילו דער באַראַבאַן שווייגט ניט... דער מאַן זינגט און זינגט, ביז ער צו־ווײנט זיך מיט ביטערע טרערען, דעמאָלט ווערען אַנשווײגען אַלע, די גרינע לעגט אויך צו דעם פויסט צו די אויגען, איהר טאַטע מיט די פּאַניענקעס לאָזען אַראָב די נעזער, נור די באַנדורע ביי די כלי־זמר הייבט אָן צו זורטשען.

פּלוצים כאַפּט זיך אַרום דער יונגער מאַן מיט דער גרינער קושען, און אַלע הייבען אָן ווייעדער צו זינגען און צו טאַנצען, די כלי־זמר הייבען אָן צו אַרבייטען אויף זייערע כלים, און די גרינע מיט איהם קושען זיך און קושען זיך, שעהמען זיך ניט פאַר קיינעם און שמאָקצען זיך, ביז די וואַנד מיט די קאַרטינעס פאַלט אויף זיי אַראָב !...

נאָכדעם ווערט ווייעדער ליכטיג אין טרייאַטער און ווייעדער פינסטער, און די וואַנד מיט קאַרטינעס פליהט ווייעדער אַוועק אין לופטען... און דאָרט זיינען שוין ווייעדער מוידען, מיט דער גרינער... און די גרינע רעדט שוין ענגליש ווי א וואַסער, און איז שוין אָנגעטהאָן ווי א פאַניענקע, און דער גראַף איז דאָרט, און דער גרינער טאַטע אין א נייעם קאַפּעלוש, און א בער און א טערק, און א מאַן מיט א לאַנגען צאָפּ, און נאָך אַנדערע מענשען, ווי שדים, און זיי טאַנצען אַלע און זינגען, ביז דער גראַף כאַפּט אַרויס א רעוואָלווער און דערשיסט דעם גרינעם טאַטען, די גרינע חלש׳ט, כאַפּט ער זי אויף די הענד און אַנטלויפט מיט איהר...

איך זאָג דיר, ביילקע, א גרויל ! דו האָסט געדאַרפט זעהן...

ער האָט דערהערט א געשמאַקען פייפען און סאָפּען פון א נאָז, ער האָט זיך אַכאַפּ געטהאָן : זיין ווייב איז געשלאָפען, ווי א דער׳הרג׳עטע...

„אוי, נו, — האָט ער א טראַכט געטהאָן — זיינען דאָס מאַדימס יענע מוידען ! ווי זיי טאַנצען !“

ער האָט אַקוק געטהאָן אויף זיין ווייב מיט פוטערדיגע אויגען, האָט אַריינגעדרעהט די גאַז און האָט זיך אַוועקגעלעגט שלאָפען.

פעברואר, 1904.